NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13122

# GIGANT

K. Piskunov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ק. פּיסקונאָוו



58932

ק. פּיסקונאָוו

# גיגאַנט

יידיש — מ. ליבערמאַן

צענטרפֿאַרלאַג — 1931
מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק
ווײַסרוסישע אָפּטײלונג

דרוקערײַ א. ג. סטאַלין
באשט. 314. טיראַזש 4000.
גלאַװליטבעל 521.

# הוילע,

## ניטבאַזעצטע

## זײַנען געווען די סאַלסקער סטעפּעס.

### אַף הונדערטער קילאָמעטער

— ניט קיין וואַסער,

ניט קיין ווינונג.

זעלטן ווען ס'האָט זיך געלאָזט הערן אין דעם סטעפּ א מענטשלעך קאָל. סײַדן עס פאָרט ווער דורך, צי דער פּאַסטעך טרײַבט דורך די טשערעדע. און ווידער—שטיל.

די ערד אין סטעפּ איז געווען ווילד, ניט געאַקערט, רויערד. דורערסלאַנג איז זי געלעגן פאַרוואָרפן און וויסט. מענטשן האָבן אַף איר גאָרניט געזייט. עס איז נאָר געוואַקסן אין סטעפּ איינע גראָז און טרוקענער קאָוויל.

איצטער אָבער

איז דעם סאַלסקער סטעפּ ניט צו דערקאָנען.

עס האָט זיך צעשפּרייט איבער אים דער

סאָווירט „גיגאַנט“—

א סאָוועטישע קערנער־פאַבריק. הונדערט דרײַסיק טויזנט העקטאַר ערד פאַרנעמט דער סאָווירט.

מענטשן האָבן אופגעאַקערט די ערד. מע האָט פאַרזייט ווייץ, האָבער, גערשטן.

ווי אַזוי איז עס געשען?

זומער 1928 יאָר זײַנען אין די סאַלסקער סטעפּעס געקומען צו פאָרן געלערנטע—דערגיין, צי איז גוט די ערד, צי קאָן מען אַף איר בויען דעם גיגאַנט.

די ערד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א גוטער. איין זאַך איז נאָר שלעכט: עס בלאָזט אין די סאַלסקער סטעפּעס א הייסער, טרוקענער ווינט, פאַרברענט דעם פאָנעם, פאַטערט אוועק די געוויקסן. פון אַזיע. דורכן קאַספּישן יאַם, גייט דער ווינט, און רופן רופט מען אים—טרוקנווינט.

— ניט קיין גלייכע זאך האט איר פארטראכט,—האט געזאגט צו די געלערנטע דער אלטער פאסטעך.—דער טרוקנווינט וועט אוועקפאטערן די טוועס. מע טאר דא קיין ווירטשאפט ניט בויען.

האבן באטראכט די זאך די געלערנטע און באשלאסן, אז דעם גיגאנט פונדעסטוועגן קען מען יע בויען.

— נישקאשע, — האט געזאגט אין מאסקווע קאלינין, — ס'איז ניט שרעקלעך.

## מיר וועלן בייקומען סיי די ערד סיי דעם ווינט.

אפדערוף זיינען מיר דאך באלשעוויקעס.

צווישן ראסטאוו און סאלסק שטייט א סטאנציע צעלינא. לעבעדיק איז געווארן אף דער סטאנציע.

צוגן האבן געבראכט צופירן מאסן מענטשן, אינזשענערן, אגראנאמען, מעכאניקער. נאך וואס זיינען עס געקומען צו פארן די מענטשן אף דער קליינער סטעפישער סטאנציע?

זיי זיינען געקומען בויען דעם סאוויירט גיגאנט.

עס האט זיי ארויסגעגעבן די סאוועטן־רעגירונג אפן ערשטן יאר אן אופגאבע—אופאקערן און פארזייען זעכציק טויזנט העקטאר ערד.



די מענטשן זײַנען געקומען צו פֿאָרן ניט אליין. געבראַכט מיט זיך מאַשינעס. הונדערטער אַקערס, בראָנעס, פּאַרזייערס האָט מען אויסגעלאָדן אין דעם סאָוויִרט. פֿון אַלע זײַטן האָבן זיי די סטאַנציע באַלאַגערט.

פֿון נאָוואָראָסיסקער פּאָרט זײַנען אָנגעקומען אין „גיגאַנט" צוגן מיט טראַקטערס.



אַף דער סטאַנציע פּײַפֿן די לאָקאָמאָטיוון, סקריפּען די וועגעלעך: מע לאָדט אויס טראַקטערס און אַנדערע לאַנדווירטשאַפֿטלעכע מאַשינעס.

## אין סטעפּ—

וואָרשטאַטן, דער זאַמל־צעך. שלאָסערס, אונטערהעלפֿערס, מאָטאָריסטן, שטעלן צונויף די מאַשינעס, באַקוקן די טראַקטערס. עס קלאַפּן האַמערלעך, עס סאָפּען די בלאָז־זעק. דער גראָז איז שוואַרץ געוואָרן פֿון מאַשין־אייל.

## אין סטעפּ—

א שול: מע לערנט די באַטראַקעס און די פּויערים באַגיין זיך מיט די טראַקטערס.

צום ערשטן אופֿאַקערן דאַרף מען 600 טראַקטעריסטן!

לייגט מען דורך אין דעם סטעפּ נײַע וועגן, מע וועלגערט איַין די אלטע.

די גאַנצע ערד אין „גיגאַנט" האָט מען צעקלאַפּט אַף דרײַהונדערט כאַלאָקים.

אינגיכן וועט זיך אָנהייבן דער מאַרש אַפֿן סטעפּ.

אַרום דער סטאַנציע איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ שטעטל. ביזוואַנען מע האָט געבויט פעסטע הײַזער, האָבן די אַרבעטער געוווינט אין בײַדלעך. אפילע זיך אויסטריקענען נאָך אַ רעגן איז אויך ניטאָ ווו.

— נישסאָשעו!—האָבן זיך געטראַכט די אַרבעטער. — לאָמיר נאָר בײַקומען דעם סטעפ!




עס צעקלינגען זיך די טעלעפאָנען, עס צעטראָגן זיך די אויטאָמאָבילן. אין אַלע עקן פון סאָווירט פליען פאַראָרדענונ-גען פון שטאָב.

אויסבויען אין אַ סטעפ אַ סאָווירט—אָף דעם דאַרף מען האָבן אַ גוטן שטאָב.

אַלץ צו באַטראַכטן, אַלץ אויסצורעכענען.

די מענטשן ווען זיך דורכלעבן אין די בײַדלעך, זיך באַגײן דערווײַלע אָן דירעס. אָבער אין וואַרשטאַטן אָן עלעקטרע—איז קיין אַרבעט ניט. ווערסט דאָך ניט לאָזן מאַשינעס און זריע אונטערן רעגן און שטויב. אַלץ דאַרף זײַן גרייט באַצײַטנס—אי די עלעקטרעסטאַנציע, אי די שפּײַכלערס, אי די סקלאַדן.

אין צוואַנציק קילאָמעטער פון צעלינאַ, אָף דער סטאַנציע טרובעצקאיא, האָט מען אופגעשטעלט די הויפּט-באַזע פון „גי-גאַנט”. פון ציגל און צעמענט זײַנען אויסגעוואַקסן צוזאַמען-ווינונגען, אַ שול, אַ שפּיטאָל, אַ גאָרקיך.

פאַר די טראַקטערס האָט מען אָף דער סטאַנציע טרובעצ-קאיאַ אויסגעבויט אַכט ציגלנע גאַראַזשן.

ס'איז אָנגעקומען דער ערשטער טאָג פון אַקערן.

אין דעם טאָג זײַנען אַוועקגעפלויגן טעלעגראַמעס אין אַלע צײַטונגען:

— הער, מאָסקווע,

הער, לענינגראַד,

סעוואַסטאָפּאָל,

כאַרקעוו,

מינסק!

הײַנט גייען די טראַקטערס פון „גיגאַנט״ אין פעלד אַרויס. הײַנט הייבט זיך אָן אַ שלאַכט פאַר ערד!

באַגינען האָט דער שטאַב אָפּגעגעבן אַ באַפעל:

— דריי אָן די מאָטאָרן!

דרײַהונדערט טראַקטערס מיט אַקערײַזנס און בראָנעס האָבן זיך צוגעגרייט צום מאַרש. די טראַקטאָריסטן האָבן זיך אײַנגעזעצט אויף די ערטער.

— געגאַנגען! — האָט זיך געלאָזט הערן דער צווייטער סיגנאַל. און די טראַקטער־קאָלאָנע האָט זיך א ריר געטאָן. דער שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן.

אין דיזעלביקע סאַלסקער סטעפּעס איז אויפגעקומען בודיאָנעס רײַטער־אַרמיי. זי האָט געטראָטן מיט די טלאָען דעם סטעפּ, זיך געשלאָגן מיט די קאַזאַקן פאַר די סאָוועטן. גוט געדענקט עס נאָך א בודיאָנאָווקע — אַ טראַקטאָריסטקע. זי אַליין האָט דאָך מיט דער פאַרשײַטער רײַטער־אַרמיי דעם סטעפּ אויסגעקלעמפּט באַ די ווײַסע. ביט איינמאָל איז זי אַדורכגעגאַנגען דעם סטעפּ פון עק ביז עק. און איצט דאַרף מען אים ווידער דורכטרעטן. ווי פריער האָט זי אָנגעפירט מיטן פערד, אַזוי פירט זי איצט אָן מיטן טראַקטער.

אין גיגאַנט זײַנען פאַראַן אַסאַך געוועזענע בודיאָנאָווצעס.

העקטאַר נאָך העקטאַר האָבן אויפגעריסן די פיר־רייענדיקע אַקערײַזנס דעם סטעפּ'ס רויערד. און דאָרטן, ווו די קאָלאָנע פלעגט נאָר אַדורכגיין, פלעגט שוין בלײַבן אַ ברייטער פּאַס צעאַקערטע ערד.

דער טראַקטער האָט איבערגעקערט דעם סטעפּ מיטן שוואַרצערד אַרויף.

ווּ איז אַהינגעקומען דער קאָוויל, גראָז, ווילדגראָז? ניטאָ זיי.

די שאַרפע איַיזנס פון די אַקערס האָבן פאַרוואַלגערט דעם גראָז מיט א דיקן שיכט ערד. ס׳איז איצט געוואָרן דער סטעפּ איין גוואַלדיק — גרויסער שוואַרצער פעלד. דעם בעסטן ווייץ האָט מען זיך געקליבן פאַרזייען אף דער סאַלסקער שוואַרצערד אָבער דער סטעפּ האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן.



שווערע שיכטן ערד האָבן אַרומגעקלעפּט די רעדער פון דעם טראַקטער.

אָן קוימענס, אָן קאָרפּוסן האָט געאַרבעט די קערנער־פּאַב־ריק. אין וואָסערע קאָרפּוסן וועסטו זי אײַנצאָמען? אָף צענד־ליקער קילאָמעטער זײַנען צעוואָרפן די אָפּשטעל־פּונקטן פאַר די בריגאַדעס.

אָף די אָפּשטעל־פּונקטן—בײַדלעך, הײַזער אָף רעדער, באַוועגלעכע קיכן.

יעדער בריגאַדע האָט איר קעכן.

ווען עס גייט אין פעלד די ארבעט, קאָכט זיך אין קיך וואר־מעס. עס וועלן זיך די ארבעטער א שאָט־טאָן,—און די קעכן וועט האָבן אַ היפּש ביסל אַרבעט.

— נעם אוף געסט, זײַ מעכאַבעד מיט קאשע!—שרײַען צו איר פּונוויײַטן די אַרבעטער.

מע וואַשט די הענט. מע גייט באקומען דעם מיטעק.

פאַרן קורצן איבעררײַס דאַרף מען באווײַזן אי אָפּעסן, אי אַ צײַטונג איבערלייענען. מע קען נאָך אויך אין דאַמקעס אַ שפּיל טאָן. און וועמען עס זיצט זיך ניט אײַן אָף אן אָרט, יענע טאַנצן.

נאָר אָט האָט זיך דער איבעררײַס פאַרענדיקט. ווידער ברויזן די פעלדער פון גיגאנט.

ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהייבן די ארבעט אין גיגאַנט, אזוי זײַנען געקומען צו פאָרן געסט מיט א קינאָ־אַפּאַראַט.



זײַנען אַרויסגעפֿאָרן די אַרבעטער פֿאַרטאָג אין פֿעלד צו דער אַרבעט. זע, וואָס איז דאָס אַזוינס? עס שטייט אַ טורעם, אַפֿן טורעם—מענטשן. מע האָט אוועקגעשטעלט אַן אַפּאַראַט אויף דרײַ פֿיס, פֿאַרשטעלט זיך פֿון דער זון מיט אַ שירעם.

— איי, איר אונטערן שירעם! וואָס טוט איר דאָרטן?

— מיר, פּונקט ווי איר, מיר אַרבעטן,—האָבן געענטפֿערט די קינאָ־אָפּעראַטערן,—אַ בילד נעמען מיר אַרונטער.

און עמעס טאַקע. איצטער קענען מיר שוין זען אין קינאָ, ווי גוט זיי האָבן געאַרבעט און ווי גוט עס אַרבעט דער סאָוווירט.

דער בילד הייסט טאַקע—„גיגאַנט".

לעבן פֿאַטשעט איז שטענדיק אַן אוילעם. דערהויפּט נאָך דער אַרבעט. דאָ באַקומט מען בריוו, מע שרײַבט אַליין בריוו. אין די בריוו דערציילן די אַרבעטער פֿון זייער לעבן אין „גיגאַנט". נאָך גאָר ניט לאַנג זײַנען אַסאַך פֿון זיי געווען ניטגראַמעטנע באַטראַקעס. איצט זײַנען זיי געוואָרן טראַקטעריסטן, האָבן זיך אויסגעלערנט לייענען, שרײַבן, האַלטן רעדעס.

> „מיר, די טראַקטעריסטן, באַטראַקעס פֿון דער פֿינפֿטער בריגאַדע, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס מיר זײַנען דורך נאָר קורצטערמיניקע קורסן, האָבן מיר זיך פֿונדעסטוועגן אויסגעלערנט אָנצופֿירן מיט טראַקטערס און, אַרבעטנדיק אַף זיי, סטאַרען מיר זיך פֿאַרפֿעסטיקן דעם סאָווירט. מיר ראָטן אונדזערע אַלטע פֿאַטערס צו קומען צו פֿאָרן אין אונדזערע בריגאַדעס און אַ קוק טאָן, ווי מיר אַרבעטן".

דער סאָווירט האָט אַן אייגענע צײַטונג — „גיגאַנט". אין דער דאָזיקער צײַטונג קאָן מען לייענען וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין סאָווירט. אַלע אַרבעטער לייענען די צײַטונג, שרײַבן אין איר נאָטיצן.

ווי אַזוי דערגייט מען וועגן דער אַרבעט פֿון אַנדערע בריגאַדעס? דורך דער צײַטונג איז דאָס גרינג. אויך אַסאַך פֿאָרשלאָגן דרוקט מען אין צײַטונג: ווי אַזוי שפּאָרעוודיקער אויסברענגען ברענמאַטעריאַל, ווי אַזוי בעסער אָפּהיטן די מאַשינעס, ווי אַזוי פֿאַרבעסערן דאָס עסן.



# ГИГАНТ

Орган газеты „Сельхозпрорабочий" ... совхоза „Гигант"

28 февраля 1930 года № 9

## По-большевистски, упорно деритесь за выполнение производственных заданий

### Надо действительно перестроиться

### Все силы на сбор семфонда

### Пример классовой сознательности

### Из приказа № 51



די—רעדאַקציע פון דער צײַטונג איז אַ וואַגאָן אף רעדער. די אַרבעט אין „גיגאַנט" איז אַ שלאָגלערישע.

א גיכע, און די רעדאַקציע איז א באַוועגלעכע. זי פאָרט ארום איבער די בריגאַדעס, זאמלט נאָטיצן, טיילט פאַנאַנדער די ציַיטונג.

אויב דו זעסט מיטיקציַיט אַרבעטער מיט דער ציַיטונג, — הייסט עס, אז דאָ איז שוין געווען די רעדאַקציע און פאַנאַנדערגעטיילט אַ פרישן נומער.

די אַרבעטער פון גיגאַנט פאַרמעסטן זיך איינער מיטן צווייטן.

אין ציַיטונג איז אָפּגעדרוקט:

„איך, דער טראַקטאָריסט ניקאָלײַ נאָסענקאָ, רוף ארויס אין סאָציאַליסטישן געוועט אלע טראַקטעריסטן. איך פאַרפליכט זיך פאָרזיכטיק צו באגיין מיט דער מאשין, ניט פארשפעטיקן צו דער אַרבעט. איך בעט דער ציַיטונג נאָכשפּירן נאָך מיר און נאָך דעם, וועמען איך רוף ארויס”.

און די ציַיטונג שפּירט נאָך, זי שרײַבט, — ווער עס אַרבעט גוט, ווער עס שטייט אָפּ.

— שטאַרק דעקט זי!—רײַדן וועגן איר די אַרבעטער.

האָט מען פאַרענדיקט אין גיגאַנט דאָס אַקערן,—האָט זיך אָנגעהייבן דער פאַרזיי. פאַרזייט האָט מען נאָר א זעקסטכיילעך פון גאַנצן שעטעך. דעם הויפּט־פאַרזיי האָט מען אָפּגעלייגט אַף פרילינג.

מיט שניי און רעגן איז אָנגעקומען דער פרילינג. האָבן זיך פאַרטרויערט די ארבעטער.

— ווי זאָל מען זייען? די טראַקטערס וועלן פאַרזונקען ווערן אין בלאָטע, וועלן ניט ארויספירן.

פונדעסטוועגן האָט מען דעם פאַרזיי אָנגעהייבן. מע האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן ניט ניט פאר קעלט, ניט פארן שניי. זעקס הונדערט טראַקטערס מיט זיי־מאַשינעס האָבן זיך א לאָז געטאָן אין פעלד אַרײַן.

— ארבעטן צו צען שאָ,—אזוי האָבן באשלאָסן די ארבעטער.— מיר וועלן ניט אוועקווארפן דעם רודער, ביזוואַנען מיר וועלן ניט פאַרזייען דעם גאַנצן פעלד!

און דעם פאַרזיי האָט מען טאַקע פאַרענדיקט אין צען טעג ציַיט.

די אופגאַבע פון דער רעגירונג—אופאַקערן און פאַרזייען זעכציק טויזנט העקטאר ערד—האָט דער „גיגאַנט”

אויסגעפילט.

אף דער נאָך ניט לאַנג ווילדער ערד האָבן זיך באַוויזן די ערשטע גרינסן. גוטע טוווּעס וועלן דאָ אויסוואַקסן.

און ווו איז דער טרוקנווינט? און ווי וועט זײַן, אַז ער וועט פּאַטערן דעם ווייץ?

אין סאָווירט האָט מען זיך גענומען אײַליק גרייטן צום גיכן אַראָפּנעמען די גערעטעניש.

האָט מען צונויפגעקליבן די גאַרבנבינדערס, דרעשמאַשינעס, קאָמבײַנען, מע האָט געבויט קערנער-שפּײַכלערס — אײַזן-בע-טאָנענע עלעוואַטערס.

אין די עלעוואַטערס וועגט מען און מע סאָרטירט די קער-נער; נאָכדעם שיט מען עס אין וואַגאָנעס. צו פיר וואַגאָנעס קערנער א שאָ לאָזט דורך דער עלעוואַטער.

אין „גיגאַנט" האָט מען אײַליק געבויט צווײ אזעלכע עלעוואַ-טערס. א גאָרן נאָך א גאָרן האָט זיך אופגעהייבן איבערן סטעפּ.

מע האָט געדאַרפט באַווײַזן צום אַראָפּנעמען די גערע-טעניש.



אָט שטייט דער עלעוואַטער פון „גיגאַנט". ער האָט פּערציק מעטער די הייך, — ער איז העכער פון אן אכטגאָרנדיקן מויער. אזא עלעוואַטער נעמט אין זיך אַרײַן הונדערט צוואַנציק וואַ-גאָן קערנער.

ניט געפאַטערט האָט דער טרוקנווינט די טוווּעס. ער האָט אָבלאָז געטאָן איבערן סטעפּ, דורכגענומען אים מיט היץ, נאָר דער ווייץ האָט אויסגעהאַלטן. די שווערע צײַט איז אריבער. רויקהאָבן זיך געצײַטיקט די טוווּעס פון „גיגאַנט“.

פינונצוואַנציק קאָמבײַנען, הונדערט נײַנציק גאַרבנבינדערס, דרײַסיק דרעשמאַשינעס זײַנען גרייט געווען צום שניט. זעקס טויזנט אַרבעטער האָבן געוואַרט אפן באַפעל פון שטאַב.



ענדלעך, דעם 10-טן יול 1929־יאָר, האָט מען דורך די טע־לעפאָנען דערהערט אַ סיגנאַל:

אָנהייבן!

די ערשטע זײַנען אַרויס צו דער אַרבעט די קאָמבײַנען — דער שטאָלך פון „גיגאַנט“.

אַ צוגעקייטלטער צום טראַקטער, טוט דער קאָמבײַן דרײַ אַרבעטן מיטאַמאָל: שנײַדט, דרעשט און ווייעט.

דער קאָמבײַן—דאָס איז די שיף פון די פעלדער; דער קאָמ־בײַניסט איז דער קאַפּיטאַן. ער שטייט אפן בריקל און פירט אָן מיט דער מאַשין.

דער שנײַד־טײל פון קאָמבײַן שנײַדט אונטער די זאַנגען, די גראַבליעס װאַרפן זײ אונטער צום באַראַבאַן פון דער דרעשערקע. די קערנער שיטן זיך אין קעסטל. נאָר אָט איז דאָס קעסטל פול. עס קומט אַ לאַסט־אַװטאָמאָביל, נעמט צו די קערנער און פירט צום עלעװאַטאָר.

אַזױ טװועט איז געראַטן אױף די פעלדער פון „גיגאַנט", האָט מען געדאַרפט די טװועט װאָס גיכער אָראָפּנעמען. דאָ טאָר מען ניט פאַרזאַמען—עס װעלן זיך אױסשיטן די זאַנגען, אַ שלעכטער װעטער װעט פאַטערן דעם ברױט.

נאָך אומרוּיִקער, װי אין די ערשטע טעג, האָט געאַרבעט דער שטאַב. מ'איז ניט אָפּגעטראָטן פון טעלעפאָן. נאָכגעפרעגט װי גײט דער שניט.

האָבן די ברִיגאַדעס געענטפערט:

— אַלץ איז אין אָרדענונג. עס האָט זיך עפּעס צעבראָכן אין קאָמבײַן—האָט מען גלײַך פאַריכט!

— די אַרבעט גײט גוט. מיר װאַרטן אױף לאַסט־אױטאָמאָבילן. פאַרהאַלט ניט דאָס אָנלאָדן די קערנער.

אײנינעם מיט די קאָמבײַנען זײַנען אַרױס צום שניט פון װײַץ אױך די גאַרבנבינדערס.

האָבן זיך אױעקגעלאָזן די גאַרבנבינדערס איבער די פעלדער פון „גיגאַנט".



פלאַטערנדיק מיט די פליגלען פון די שניידערס, האָבן זיי זיך אַריינגעשניטן אין די ציטיקע טוועס.

נאָר א גאַרבנבינדער איז ניט קיין קאָמבײַן.

ער שנײַדט נאָר די טווע און בינדט זי. דער טראַקטער פירט די טווע איבערן פעלד, און נאָך אים לייגן זיך סנאָפּעס. הינטער דער מאַשין גייען אַרבעטער־גאַרבנטרעגער. זיי לייגן צונויף די סנאָפּעס אין קופּעס. שטעלט זיך אָפּ בא די קופּעס דער גאַרבנפירער, נעמט צו די סנאָפּעס און פירט צו די דרעש־מאַשינעס.

וואַרפסטו א בליק אפן פעלד — נעכטן נאָך האָבן זיך דאָ געציטיקט טוועס, און איצט — נאָר איין באַרשט פון זאַנגען־רעשטן.

און ס׳זעט זיך ווידער די שוואַרצע ערד — שוואַרצערד.

די אַרבעט, וואָס עס האָבן אָנגעהייבן די גאַרבנבינדערס, זעצן פאָר די דרעשמאַשינעס. דרײַסיק מעכטיקע דרעשמאַשינעס האָבן אויסגעדראָשן די ערשטע גערעטעניש פון „גיגאַנט״. די גאַרבנפירערס האָבן צוגעפירט צו זיי טויזנטער סנאָפּעס.

נאָר בא דער מאַשין געגעצט מען ניט: דערלאַנג די סנאָפּעס, נעם צו די קערנער!



אין א טאָג צײַט גיט ארויס אַ דרעשמאַשין פינפהונדערט צענטנער רײנע קערנער. אַ באַרג זעק וואַקסט אויס אַרום איר בײַס דער ארבעט.

גוט אַרבעטן בײַ די דרעשמאַשינעס די שלאָג־בריגאַדעס. אָבער בעסער פֿון אַלעמען אַרבעטן די קאָמיוגיסטן.

די קאָמיוגישע בריגאַדע—אױפֿן ערשטן אָרט.

שוין דעם ערשטן יאָר האָט דער „גיגאַנט" געגעבן אונדזער לאַנד זעקסהונדערט טויזנט צענטנער קערנער.

אָט זײַנען די סאָרטן ווײץ, וואָס מע האָט אויפֿגעזאַמלט פֿון זײַנע פֿעלדער: מעליאַנאָפּוס, אוקראַינקע, אַלבידום.

אין דער לאַבאָראַטאָריע פֿון סאָווירט בעמט מען ווייץ קערנערווײַז, מע וועגט אָפּ, מע באַשטימט די קוואַליטעט. גוטע קערנער.

— ערשטער סאָרט! —

זאָגט מען אין דער לאַבאָראַטאָריע.



יעדער טאָג גייען אָפּ פֿון דער סטאַנציע צוגן מיט טווּע.

אף קיין איין מינוט שטעלט זיך ניט אָפּ די אָנלאָדונג.

פֿון דעם עלעוואַטער פֿליסן די קערנער דירעקט אין די וואַגאָנעס אַרײַן. עטלעכע מינוט—און דער וואַגאָן איז פֿול.

און פֿון די שפּײַכלערס פֿירן טראַקטער־צוגן זעק מיט ווייץ צו דער סטאַנציע.

פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע — אַפֿן צוג און ווײַטער אין די ראַיאָנען, וווּ עס געראָט ווייניק טווּע.

ווי נאָר עס רירט זיך דער צוג, אַזוי צעטראָגט זיך ווײַט־ווײַט דער פֿײַף פֿון לאָקאָמאָטיוו.

— נאָך איינער איז אָפּגעגאַנגען,—זאָגן די אַרבעטער אין פֿעלד.



אונדזער לאנד גרויסט זיך מיט די בויער פון „גיגאנט“. די מאַשינעס האָבן אופגעטאָן אַ גרויסע זאַך—א ווילדן סטעפּ פאַרוואַנדלט אין א פרוכטבאַרן פעלד.

נאָר מיט דער מאשין האָט אָנגעפירט דער מענטש.

די אַרבעטער פון גיגאַנט האָבן באוויזן, ווי אַזוי מע דאַרף אַרבעטן און זיגן.

מיט די הענט פון זעקס טויזנט אַרבעטער איז געשאפן געוואָרן די גרעסטע קערנער-פאַבריק אין דער וועלט.

אין די ערשטע רייען בויערס פון „גיגאַנט"—פינפהונדערט קאָמוניסטן און קאָמיוגיסטן.

אונטער זייער אָנפירונג אנטוויקלט זיך און שטאַרקט זיך דער באָלשעוויסטישער סאָווירט.

אסאך מענטשן קומען צו פאָרן א קוק טאָן, ווי אזוי עס אַרבעט דער גיגאַנט. מע קומט אפילע פון אנדערע לענדער. עס איז געקומען צופאָרן אין „גיגאַנט" דער אַמעריקאַנער געלערנטער, פראָפעסאָר ווילסאָן, האָט ער אַלץ באקוקט און געזאָגט:

## — אזא ארבעט האָט נאָך די וועלט ניט געזען.

אָפטע געסט זײַנען די פויערים פון נאָענטע און ווײַטע דערפער.

דער סאָווירט האלט שעפטום איבער אסאך קאָלווירטן. ער העלפט זיי מיט מאשינעס און מיט ארבעט־קראפט. די אַרבעטער פון „גיגאַנט" בויען ניט נאָר זייער אייגענעם סאָווירט,—זיי לערנען אויך אַנדערע ווי בעסער צו באַארבעטן די ערד.

פאָרן זיי אין אורלויב אין זייערע היימישע דערפער,—העלפן בויען קאָלעקטיווע ווירטשאפטן.

אין „גיגאַנט" האָט מען געפײַערט דעם יאָנטעוו פון גערעטעניש. טויזנטער פויערים און ארבעטער האָבן זיך צונויפגעזאמלט צום יאָנטעוו. צווישן די געסט איז אויך געווען דער שרײַבער מאקסים גאָרקי. ער האָט באַגריסט די גיגאנטאָווצעס מיטן זיג.



אלעמען, וועד עס האט זיך נאר אויסגעצייכנט אין סאציאליס־טישן געוועט, האט מען געטיילט מאטאנעס.

נאר די בעסטע מאטאנע האט געקראגן דער „גיגאנט" אליין: טויזנטער ארבעטער און ארבעטנדיקע האבן אים צוגעשיקט זייער באגריסונג.

דאסדאזיקע ביכל האט מען נאך געזעצט אין דרוקעריי, ווען ס'איז אנגעקומען פון „גיגאנט" א טעלעגראמע:

„דער פרילינג־פארזיי פון 1930 יאר איז אינגאנצן אויסגע־פילט. פארזייט זיבעציק פיר טויזנט העקטאר. מיר טרעטן ארויס צוהילף די אונטערשעפישע קאלווירטן".

מיכאיל איוואנאוויטש קאלינין איז געווען גערעכט:

# באלשעוויקעס
# האבן באזיגט
# אי דעם ווינט,
# אי די ערד.

ЦАНА 25 кап.

Х. 2. о

פרײַז 25 ק.


ГІГАНТ

ГІГАНТ